עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע״פ משנתו של
רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע

מאת

הרה״ח ר׳ חיים בנימין וורטהיימר ז״ל

קונטרס כ״ה

״נעים זמירות ישראל״

# תוכן השיחה


זיך אויס לערנען די פשוט'ע שפראך
א מענטש קען זיך דרייען יארן אין ברסלב...
רבוש"ע, איך קום צו דיר!
אנטלויף נישט – שטופ זיך, דראפע זיך!
די לעבן'ס געשיכטע פון דוד המלך
געגאנגען אין די מדבריות און געשריגן...
זינגען אויף די ריכטיגע טענער...
התבודדות איז א לעבן'ס-ניגון
"נעים זמירות ישראל"
דער ניגון גייט ארויף און אראפ...



הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0


© כל הזכויות שמורות


כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות
בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325
לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 1<
ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 25<2
גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765


חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שלמה רובינפלד שליט"א
לרגל נישואי בנו שמואל
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לבנות בית נאמן
בישראל ויתברכו בכל מילי דמיטב

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' אברהם נח ירבלום שליט"א
לרגל נישואי בנו
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לבנות בית נאמן
בישראל ויתברכו בכל מילי דמיטב

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שמואל מאיר חשין שליט"א
לרגל נישואי בנו ואירוסי בתו
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לבנות בית נאמן
בישראל ויתברכו בכל מילי דמיטב

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י החפץ בעילום שמו
לברכה והצלחה

ישמח לב מבקשי ה'
קו רוחא דחיי 02.3.02.47.43
בארה"ב 605.477.6808
שמעו ותחי נפשכם

להשתתפות בהוצאת הקונטרס
ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת
שמחתכם או לזכרון יקיריכם
נא לפנות לטל' 0534159773

# "נעים זמירות ישראל"

### ההתבודדות וה'עשרה־מיני־נגינה' שמביאים לקבלת עול התשובה

[שיחה שנמסרה ב'שבוע של התעלות' – ניסן תשע"ח]

## זיך אויס לערנען די פשוט'ע שפראך

מיר וועלן חזר'ן די נקודה, פון וואס דער רבי האט אונז געזאגט און אונז געלערנט – אז דער יסוד אין אידישקייט איז התבודדות. "**ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל**"[א], "**מקטן ועד גדול אי אפשר להיות איש כשר באמת - אָן קיין התבודדות**"[ב].

די זאך, דער הרגל אין התבודדות, דאס איז דער יסוד וואס מ'דארף קונה זיין אין זיך. ווער ס'וויל זוכה זיין צו גיין אין דעם דרך הקודש פון הייליגן רבי'ן – וואס דער רבי האט אונז מגלה געווען אזעלכע פלאות נפלאים, אזעלכע עצות נפלאות, מיט אזעלכע דיבורים נפלאים, מיט א שכל נפלא, וואס נעמט ארויס דעם מענטש פון שאול־תחתית און הויבט אים אויף צו דעם תכלית המעלה – דאס איז אלעס; אבער די געצייג (כלים) אויף דעם איז אלץ התבודדות.

---

**א.** ליקוטי מוהר"ן תורה כ"ה תנינא.

**ב.** שם תורה ק'.

רבי נתן האט געזאגט[ג]: "**אונזערע שמועסן, אפילו אונזערע שמועסן - טאמער מ'וועט עס נישט באשמאלצן מיט קיין התבודדות, בין איך אייך נישט מקנא**". אָן התבודדות איז נישטא וואס צו טאן [אפילו] מיט די גרעסטע שמועס; נישטא וואס צו טאן מיט דעם.

דער עיקר איז, אז די אלע שמועסן; אלץ וואס מ'שמועסט, אלץ וואס מ'לערנט, אלץ וואס מיר ווייסן און אלץ וואס מ'פארשטייט – זאל אריינגיין אין דיבורים פשוטים 'בין אדם לקונו'.

א מענטש דארף זיך אויסלערנען די פשוט'ע שפראך פון רעדן צום אויבערשטן – "**רבונו של עולם, העלף מיר**".

*יעדע זאך: "רבוש"ע, העלף מיר... רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו דאווענען. רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו לערנען. רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו וויסן פון דעם תכלית. רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין נישט צו פארגעסן קיינמאל פון 'עלמא דאתי'.*

*רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו גלייבן אין רבי'ן. רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו גלייבן אין ר' נתן'ען. רבוש"ע, העלף*

---

**ג.** ראה שיש"ק חלק ג' ק"א: פַּעַם אַחַת כְּשֶׁדִּבֵּר מוֹהֲרַנַ"ת אֶת דִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְעוֹרֵר אֶת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לַעֲבוֹדַת ה', נַעֲנָה וְאָמַר: "**טָאמֶער אִיר בַּאשְׁמָאלְצְט אוּן בַּאשְׁמִירְט דָאס נִישְׁט מִיט תְּפִלָּה - בִּין אִיךְ אַיְיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא!**" - "אִם אֵינְכֶם מְשַׁמְּנִים וּמוֹרְחִים אֶת הַדִּבּוּרִים הָאֵלּוּ בִּתְפִלָּה - אֵינִי מְקַנֵּא בָּכֶם!". וראה בשיש"ק חלק ב' סימן תרס"ג שאמר מוהרנ"ת כעין זה לבנו רבי יצחק אודות ידידותו עם רבי מרדכי: "**אם יש לך התבודדות על הדבר - הרי שמקנא אני בך; ואם לאו - איני מקנא בך!**".

וראה ברוחא דחיי קונטרס ג': רבי נתן האט געזאגט: "אפילו אונזערע שמועסן, אן התבודדות בין איך אייך נישט מקנא..." - אלע ווערטער פון רבי'ן דארף אריינגיין אין דיבורים צום אויבערשטן... אלץ וואס מ'רעדט דארף מען רעדן צום אויבערשטן... אויב דו רעדסט עס נאר פאר א מענטש, און דו קענסט עס נישט זאגן פארן אויבערשטן - האסטו נאך גארנישט געזאגט... דארפסט עס קענען זאגן פארן רבש"ע!

*מיר איך זאל זוכה זיין צו זוכן דעם צדיק. רבוש"ע, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו וויסן די אלע הויכקייטן פון די השגות פון רבי'ן. איך זאל זוכה זיין צו וויסן וואס הייסט דאס וואס מ'לערנט יעצט פון די תורה פון 'למעלה מן הזמן' (תורה ס"א תניינא), זוכה זיין צו ארויסגיין פון 'זמן' און אריינגיין אין 'למעלה מן הזמן'..."*.

ס'איז אלץ הויכע זאכן, וואס ווי הויך דאס איז – גייט עס אריין אין דיבורים פשוטים. מ'בעט אויף דעם; אזוי איז מען דאס מקבל, מיט די דיבורים פשוטים. "איך האב געזאגט, און ער האט געבעטן".

## א מענטש קען זיך דרייען יארן אין ברסלב...

מ'האט יעצט געהאט דא, ס'האט זיך אפגעהאקט די לעקטער. "וואס טוט מען? ס'האט זיך אפגעהאקט די לעקטער; איינער פון אייך קען לעקטער?". איין זאך איז אינטערעסאנט: "דער אחראי פון די לעקטער איז דא? מ'האט אים שוין גערופן אין טלפון?!" – האסט געהאט דעם קשר מיטן ריכטיגן מענטש, איז נישטא קיין פראבלעם – "אה, ער פארעט זיך שוין... דאס איז דאס".

האסט נישט קיין קשר – האסטו אפגעהאקט מיטן קשר, קענסט נישט רופן יענעם מענטש – ווייס איך נישט; ס'רעגנט דא, איך ווייס נישט פון וואו ס'גייט; פון וואו ס'האט זיך פארהאקט דא – אפשר איז דא דער 'קצר', אפשר דארט איז דער 'קצר'... איך ווייס נישט ווי ס'גייט זיך ענדיגן, אלץ איז פארשטעקט דא... דרייען זיך ארום דא עפעס א הונדערט מענטשן; מ'דארף גיין דא, מ'דארף גיין דארט... וואס וועט זיין? אלץ איז פארהאקט. אבער אויב ס'איז דא דער מענטש וואס מ'קען מיט אים רעדן א ווארט – איז נישט קיין פראבלעם. "לאמיר אים רופן!"

**אזוי, דאס איז תפילה. אלץ - דער פראבלעם איז ריזיג גרויס; מ'ליגט און מ'דערטרינקט זיך אין בלאטע... אז דו קענסט רופן: "רבוש"ע, העלף מיר" - איז דא מיט וועמען צו רעדן!**

קענסט נישט די שפראך? – קענסט זיך גארנישט העלפן. קענסט יא לעקטער, קענסט נישט לעקטער... קענסט אהער, קענסט אהין; האסט אמאל געהערט עפעס דריי ווערטער פון לעקטער... – קענסט זיך נישט העלפן. אז דו קענסט די שפראך פון רופן דעם מענטש פון די לעקטער, ביסטו א געהאלפענער מענטש.

אזוי גייט עס אין גאנץ עבודת השם: אלץ וואס מ'לערנט, איז אלעס כדי מ'זאל וויסן וועמען צו רופן. נאכאמאל, די זאך [דער פראבלעם] – איז ער דער 'מבין'. די זאך – איז ווייטער ער דער מבין. **אלץ וואס מ'לערנט איז** [כדי מ'זאל וויסן], **דורך דעם צו רופן דעם אויבערשטן!**

האט מען גענומען די זאך, און מ'האט עס אריינגעטוהן אין התבודדות – אין די תמימות פון רעדן צום אויבערשטן ווי א קינד וואס רעדט צום טאטן, ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד – האט מען קונה געווען דעם וועג פון ברסלב[ד]. אז נישט – איז גארנישט; אלעס בלייבט הענגען אין די לופטן, און פון אלעס ווערט גארנישט.

**א מענטש קען זיך דרייען אין ברסלב יארן, יארן. ער קען הערן שמועסן, אבער ס'קלעפט זיך גארנישט אן; ס'ווערט פון דעם גארנישט. טאמער האט ער דעם קנין קונה געווען - דער קנין פון רעדן מיטן אויבערשטן, רעדן מיטן אויבערשטן - האט ער** [אויף געטאהן]**!**

## רבוש"ע, איך קום צו דיר!

אפילו ער ווייסט נישט ווי מ'רעדט, אפילו [ער רעדט נאר] צוקלאפטע ווערטער – אבער דאס איז דער ציל; ארום דעם דרייט מען זיך: פראבירן רעדן מיטן

---

**ד.** ראה ברוחא דחיי קונטרס ב (עמ' כ"ב): **וויפל התבודדות ס'גייט אריין אין א מענטש, אזויפיל ברסלב'ער איז ער** - דאס איז דער עיקר עצה וואס דער רבי לערנט אונז. און יעדער איינער וויפל ס'קריכט אריין אין אים אז ס'איז נישטא קיין שום אנדער עצה, נישטא קיין

אויבערשטן. דער רבי זאגט[ה]: **"מי שמתבודד את עצמו ובודל את עצמו מבני אדם, מזדקקין עליו מלמעלה"**. גלייך ווי דו טשעפעסט זיך אפ פון מענטשן, דו גייסט רעדן צום אויבערשטן – אפילו דו האסט נאכנישט קיין וועג בכלל ווי מ'עפנט די מויל. די עצם זאך, דו האסט זיך אפגעטשעפעט פון מענטשן – דו פארשטייסט יעצט: 'איך דארף דעם אויבערשטן. איך ווייס נאכנישט ווי מ'רעדט צום אויבערשטן, אבער איך דארף דעם אויבערשטן...' – איז דער אויבערשטער שוין מיט דיר!

אזוי ווי א מענטש באשטעלט זיך א תור (א באזוך) ביי א חשוב'ן פקיד, אדער ביי א חשוב'ן שר. ער דארף עפעס ערלעדיגן א ענין, ער באשטעלט זיך א תור. ס'איז געקומען די צייט, און ער זיצט דארטן; אפילו ער ווייסט נאכנישט ווי אזוי מ'רעדט, אבער ער זיצט מיט אים.

דער עצם זאך – אפילו טאמער ער ווייסט נישט ווי אזוי מ'רעדט, יענער קוקט אים אן, ער קוקט אים אן; אינמיטן זעט ער אז ער איז אינגאנצן פארלוירן... "אה, איך פארשטיי – דו ביסט א פארלוירענער מענטש. דארף מען דיר אויספרעגן; א רגע, וואס איז דיין פראבלעם?" לאזט זיך שוין יענער אראפ צו אים. דער עצם זאך אז ער זיצט פאר יענעם, דאס אליין איז שוין אן אנדערע מעשה.

אבער דער וואס ער וויל בכלל נישט נעמען דעם עול פון התבודדות, ער וויל בכלל נישט אריינגיין. ער זאגט: "דאס איז נישט פאר מיר. ס'איז אינגאנצן נישט פאר מיר. ס'איז צו הויך פאר מיר, ס'איז נישט פאר מיר" – ער שאקלט זיך אפ פון דעם.

אזוי ווי מ'האט געזאגט נעכטן: איינער שאקלט זיך אפ, ווייל ער האט נישט קיין כח צו סובל זיין דאס אז ער שטייט און ער האט נישט קיין

---

שום דבר שבעולם. נישט בגשמיות, נישט ברוחניות, נישט אין דברים התלויים בזמן נישט אין דברים התלויים ביי סיי וואספארא זאך. דאס איז דאס, יעדע זאך איז אלס תלוי אין איין זאך: 'בעטן דעם אויבערשטן!'.

**ה.** ספר המידות ערך התבודדות, אות א'.

דיבורים – ממילא מאכט ער בכלל נישט קיין התבודדות – און דאס ברענגט אז ער האלט אז מ'קען נישט מאכן התבודדות. ממילא איז ער מזלזל אפילו אין אנדערע וואס מאכן יא, און ס'גייט ווייטער און ווייטער.

[דאס קומט אלעס] וויבאלד מ'וויל נישט נעמען אויף זיך דעם עול פון תמימות – אז ס'איז יא; 'איך ווייס נאך נישט ווי אזוי, אבער ס'איז יא, דאס איז די וועג!'. אזוי ווי מ'האט גערעדט נעכטן: **זיי נישט קיין שלימזל! רוק זיך אריין אין דעם ענין...** ווערסט דא כאפן א שטיקל, דארט כאפן א שטיקל, ווערסט זיך דראפען; מ'וועט דיר העלפן פון אויבן.

אז מ'קומט צום אויבערשטן – דער אויבערשטער קומט צו דיר. דער עצם זאך וואס דו טשעפעסט זיך אפ פון מענטשן און זאגסט "איך קום צום אויבערשטן" – איז דער אויבערשטער טשעפעט זיך אויך אפ... אזוי זאגט דער רבי[ו]: בשעת א מענטש לאזט זיך אפ פון מענטשן, איז דער אויבערשטער אויך "**פונה מכל עסקיו**" צו דיר.

דו ביסט 'פונה מכל עסקיו'; דו זאגסט: "איך האב טויזנטער בלבולים און טירדות, איך לאז זיך פון אלעס אפ. איך לאז זיך אפ פון אלע טירדות, איך גיי צום אויבערשטן! איך האב יעצט א באזוך, א וויזיט, וואס איך האב זיך באשטעלט – א וויזיטביים אויבערשטן. ס'איז חשוב'ער פון אלעס".

דו ביסט נאך היינט נישט געווען ביים רבוש"ע... דו ביסט נאך היינט נישט געווען ביים רבוש"ע! האסט א קביעות – דער רבי האט באשטעלט פאר דיר א קביעות. דו ביסט א ברסלב'ער געווארן; דער רבי איז מסדר פאר דיר דו זאלסט האבן א קביעות. דו האסט נאכנישט געהאט די קביעות – גיי גיכער צו די קביעות, לייג אלעס אוועק אין זייט!

---

**ו.** שיחות הר"ן ע: כִּי כְּשֶׁאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל רוֹצֶה לְדַבֵּר עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַשְׁלִיךְ כָּל עִנְיָנָיו וְכָל הַגְּזֵרוֹת שֶׁרוֹצֶה לִגְזֹר חַס וְשָׁלוֹם, וְכָל הָעֲסָקִים שֶׁלּוֹ שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ עוֹסֵק בָּהֶם כִּבְיָכוֹל, **וְהוּא מַשְׁלִיךְ הַכֹּל וּפוֹנֶה עַצְמוֹ רַק לְזֶה הָאִישׁ שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּר עִמּוֹ וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו**, לְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ שֶׁיַּעַזְרֵהוּ לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.

## אנטלויף נישט – שטופ זיך, דראפע זיך!

קומט א בחור, ער האט די ערנסטקייט. ער לייגט אלעס אוועק אין זייט, ער לייגט אלץ אוועק אין זייט: "**איך דארף האבן מיין התבודדות היינט**". די ערנסטקייט, דער רבוש"ע האט אויך די ערנסטקייט צו אים: "איך לייג אלץ אוועק; ער דארף קומען צו מיר. איך לייג אלץ אוועק. ס'איז דא דינים וקטרוגים, ס'דא טענות אויף אים – [אבער] איך וויל הערן וואס ער זאגט, איך וויל הערן וואס ער זאגט. אה, ער קען נעבעך אויך נישט רעדן? וועל איך מאריך־אף זיין. וועל איך פראבירן געבן אביסל דיבורים". **דער רבוש"ע אליין גייט אראפ צו דעם מענטש. דו שטעלסט זיך צו צום רבוש"ע - דער רבוש"ע שטעלט זיך צו צו דיר.**

אבער איינער וויל בכלל נישט אנהויבן די גאנצע ענין. ער האט נישט קיין כח, ער האט נישט קיין כח צום גאנצן עסק. אזוי ווי א בחור זאגט אמאל: "איך האב נישט קיין כח צו חתונה האבן. איך ווייס נישט; איך קען איר נישט, זי קען מיר נישט... וואס? איך ווייס נישט וואס... איך האב נישט קיין כח צו נייע מענטשן. איך קען נישט. ביי מיין טאטן אין שטוב, ביי מיין מאמע אין שטוב: איך קען זיך מיט מיין טאטן, מיין מאמע, מיינע ברודער'ס, מיינע שוועסטער'ס; מיט זיי בין איך געבוירן געווארן, מיט זיי קען איך לעבן. איך האב נישט קיין כח זיך צו באקענען מיט נייע מענטשן, זיך משעבד זיין. איך האב נישט קיין כח זיך צו איינלעבן מיט א נייעם מענטש. ס'איז נישט פאר מיר, איך האב א כבידות אין דעם ענין..." – איז בלייב א פארזעצטער בחור, בלייב זיצן שטענדיג...

ס'איז דא אזעלכע מענטשן, ס'איז ידוע, ס'איז דא אזעלכע פארזעצטע בחורים וואס דער גאנצער נושא פון חתונה האבן איז זיי שווער; ער ווייסט נישט, ס'פאלט אים שווער די נושא... ער איז געבליבן ביז פערציג, ביז זעכציג, ביז מ'האט אים שוין נישט געוואלט.

אזוי, זיצט א מענטש מיטן רבוש"ע: "נע, איך האב נישט... ס'איז צו א שווערע נושא פאר מיר – התבודדות. ס'איז צו א שווערע נושא. 'מעלה-גדולה-עליונה' – איך ווייס נישט... ס'איז צו גרויסע, שווערע זאכן פאר מיר..." – איז בלייב זיצן...

אבער א מענטש גייט אריין און נעמט [אויף זיך] דעם עול. מ'גייט אריין, מ'הויבט אן; מ'דרייט זיך נישט ארויס פון דעם ענין. דאס איז דער אנהויב עבודת השם, דער בריח-התיכון פון עבודת השם: **מ'גייט אריין, מ'הויבט אן, מ'דראפעט זיך, מ'רעדט...**

אזוי גייט מען אריין אין עבודת השם, דאס איז דער גאנצער פינטל. דער גאנצער פינטל פון אריינגיין אין עבודת השם – דער גאנצער פינטל – איז זיך שטופן רעדן צום אויבערשטן; זיך שטופן רעדן צום אויבערשטן.

## די לעבן'ס געשיכטע פון דוד המלך

דער וועג האט דער רבי געוויזן ז – דאס איז דער וועג פון דוד המלך. דוד המלך האט געמאכט דעם גאנצן תהילים. פון וואו איז ארויסגעקומען דער תהילים?

אזוי ווי איינער, א גאון עולם, מאכט א ספר – עפעס א גאונ'ישער ספר. אזא גאון, אז דער תמצית פון זיין גאונות: ער האט געמאכט עפעס א חיבור,

---

**ז.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ק' תניינא: סִפְּרוּ לִי שֶׁאָמַר, שֶׁמִּקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וכו' **וְכָל עִסְקוֹ שֶׁל דָּוִד הָיָה עִנְיָן זֶה, שֶׁהָיָה מְשַׁבֵּר לִבּוֹ מְאֹד לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד שֶׁזֶּהוּ עִקַּר סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁיִּסַּד**. ראה בליקו"מ תורה קנ"ו: כִּי מַה שֶּׁמְּדַבְּרִים בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ הוּא בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ וְדָוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהָיָה מַעֲלָתוֹ גְּדוֹלָה מְאֹד, **יִסֵּד מִזֶּה סֵפֶר תְּהִלִּים**. ובשיחות הר"ן ס"ח: הִזְהִיר מְאֹד כַּמָּה פְּעָמִים עַל עִנְיַן הַשִּׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ שֶׁכָּל אָדָם יְדַבֵּר וְיָשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וכו' וְאָמַר שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, **יִסֵּד מִזֶּה סֵפֶר תְּהִלִּים**. (וראה גם בליקו"מ תורה ק"א תנינא).

וואס דאס איז דער סולת פון זיין גאונות. עפעס א מהדורה אחר מהדורה; ער האט געשריבן מער בתמצית, מער בתמצית, ביז ער האט ארויסגעברענגט אזעלכע חידושים נפלאים, מדויקים בתכלית הדיוק, יעדער ווארט זיינער איז קילורין לעינים. דאס איז דאס, וואס ער זאגט איז געשניטענע זאכן. א פוסק, א מחדש, א גאון – אזעלכע דברים נפלאים, געשניטענע זאכן...

דוד המלך האט געמאכט א ספר תהילים. זאגט דער רבי: דער תהילים – וואס איז דער תהילים? **דער סענץ** (תמצית) **פון די התבודדות פון דוד המלך!**

דוד המלך האט געמאכט התבודדות א גאנץ לעבן. רבי נתן האט אמאל געזאגט פארן רבי'ן[ח]: "**יָגַעְתִּי בְקָרְאִי, נִחַר גְּרוֹנִי, כָּלוּ עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹקָי** - איך בין שוין הייזעריג פון אזויפיל שרייען צום אויבערשטן..." – האט אים דער רבי געזאגט: "**דו ביסט נאכנישט הייזעריג; דוד המלך איז געווען הייזעריג כפשוטו!** ער האט זיך אויסגעשריגן...".

ס'שטייט אין זוהר הקדוש[ט], אז דער עורב – ס'שטייט ביי די 'תיבה' (תיבת נח), ס'שטייט דארטן אז ווען ער האט געשיקט דעם עורב – זאגט דער זוהר הקדוש: "**ווער איז דער עורב?**" זאגט דער זוהר הקדוש: "**דאס איז דוד המלך, וואס האט געשריגן צום אויבערשטן אזוי ווי א עורב שרייט צום אויבערשטן**".

---

**ח.** חיי מוהר"ן תקמ"ה: פַּעַם אַחַת הָיִיתִי קוֹבֵל לְפָנָיו עַל עִנְיָנַי, וְהָיִיתִי אוֹמֵר לְפָנָיו בְּדֶרֶךְ קְבָלְנָא "יָגַעְתִּי בְקָרְאִי נִחַר גְּרוֹנִי כָּלוּ עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹקָי" (תְּהִלִּים סט), וְהֵרִים יָדָיו מְעַט וְאָמַר בְּלָשׁוֹן רַכָּה אִם־כֵּן מַה לַעֲשׂוֹת (כְּלוֹמַר כִּי בְּוַדַּאי אָסוּר לְהַרְהֵר אַחֲרָיו יִתְבָּרַךְ וּבְוַדַּאי צַדִּיק ה'). אַחַר־כָּךְ עָנָה וְאָמַר לִי הֲלֹא אִם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אָמַר **"יָגַעְתִּי בְקָרְאִי נִחַר גְּרוֹנִי" הָיָה כִּפְשׁוּטוֹ**, שֶׁכְּבָר קָרָא כָּל כָּךְ עַד שֶׁהָיָה עָיֵף וְיָגֵעַ מַמָּשׁ בְּקָרְאוֹ, וְנִחַר גְּרוֹנוֹ מַמָּשׁ בִּפְשִׁיטוּת, אֲבָל אַתָּה תְּהִלָּה לָאֵל עֲדַיִן אַתָּה בְּכֹחֲךָ וְכוּ'.

**ט.** ראה זוהר חדש פרשת נח: וַיְשַׁלַּח אֶת הָעוֹרֵב, זֶהוּ דָוִד, שֶׁהָיָה קוֹרֵא עִמָּהֶן תָּמִיד כְּעוֹרֵב וכו'. אָמַר רִבִּי פִּנְחָס, לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ עוֹרֵב, שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ בֶּהָרִים כְּעוֹרֵב. וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְשָׁאוּל, (שמואל א כו) כַּאֲשֶׁר יִרְדֹּף הַקֹּרֵא בֶּהָרִים. אָמַר לוֹ, שַׁמְּתַנִּי לִהְיוֹת כְּקוֹרֵא בֶּהָרִים, כְּתִיב הָכָא קוֹרֵא, וּכְתִיב הָתָם, (תהלים קמז) לִבְנֵי עוֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ וכו'. וְזֶהוּ שֶׁבָּא הַכָּתוּב לְהוֹרוֹת, וַיְשַׁלַּח אֶת הָעוֹרֵב, זֶה דָּוִד, שֶׁהָיָה קוֹרֵא תָּמִיד כְּעוֹרֵב וכו', עיי"ש.

אזוי ווי דער פויגל, דער ראב־פויגל, שרייט צום אויבערשטן, שרייט און שרייט און שרייט. ווי נאר ס'הויבט אן ווערן טאג, הערט מען זיי – די ערשטע פון אלע פייגלען. איר האט אמאל משים לב געווען? די ערשטע וואס הויבן אן גראגערן איז זיי; "קרַא! קרַא! קרַא!" שפעטער הויבן אן די אנדערע אונטער־פייגלען אויך, אבער די ערשטע, גלייך גראגערן זיי [ווי זאגט ער: ער האט אפילו נישט קיין (שיינעם) קול, נאר ער גראגערט און ער גראגערט...].

**אזוי האט דוד המלך געשריגן און געשריגן... געשריגן, געשריגן... אין די מדבריות געגאנגען און געשריגן, און געשריגן, און געשריגן צום אויבערשטן...**

דוד המלך איז געווען דער גאון עולם אין התבודדות; דער גאון פון התבודדות איז ער געווען. געשריגן, געשריגן, געשריגן - - -

## געגאנגען אין די מדבריות און געשריגן...

ס'שטייט פון דעם אריז"ל - רבי נתן ברענגט עס[י] - דער אריז"ל רעדט אסאך פון דעם[יא], אז דוד המלך איז געווען א נשמה וואס איז די מערסטע אראפגעפאלן אין די קליפות פון חטא אדם הראשון.

---

**י.** ראה בליקו"ה ברכות השחר ג' ג-ד.

**יא.** ראה בשער הגלגולים הקדמה ז': דע, כי דוד המלך ע"ה, היתה נפשו גבוהה עד מאד, אמנם על ידי חטאו של אדה"ר הקדום, מאז ירדה אל עמקי הקליפות בסטרא דנוקבא של הקליפה, וכאשר נולד דוד, היה פעם א' שיצא מן הקליפות וכו'. ובהקדמה כ"ז: וזה סוד טעם מספיק אל דוד המלך ע"ה ידידו יתברך, ומצינו בו שהיה יצרו מתגבר עליו וכו', והוא פלא גדול, אלא הטעם מובן עם הנזכר, כי אז היתה התחלת יציאתו מעמקי הקליפות. ובזה תבין כמה פסוקים שהיה אומר דוד המלך ע"ה על עצמו, טבעתי ביון מצולה וכו', וכיוצא. (וראה עוד בהקדמה ל"ח).

ביים "חטא עץ הדעת" שטייט[יב]: "**נשרו איבריו**" – ווי אדם הראשון האט געגעסן פון דעם עץ הדעת, איז געפאלן פון אים שטיקער. וואס איז דאס געווען? ער איז געווען דער כלליות פון אלע נשמות; יעדע נשמה איז עפעס אַן אבר פון א אנדער חלק פון אדם הראשון. אזוי ווי אדם הראשון האט געגעסן פון דעם עץ הדעת, איז געשען אין די וועלט אזא נפילה... ס'איז געפאלן שטיקער, נשמות זענען געפאלן אין תהום־תחתיות... אריינגעפאלן אין די קליפות.

יעצט, די נידריגסטע נשמה וואס איז אראפגעפאלן – איז געווען די נשמה פון דוד המלך. גאר א הויכע נשמה איז אריינגעפאלן אין תהום, אין שאול־תחתית, אין בלאטע, אין די נידריגסטע פלעצער. ווען דוד המלך איז געבוירן געווארן, איז ער געבוירן געווארן אין תחתית הקליפות[יג].

**יב.** ראה שער הגלגולים הקדמה כ"ג: כי כל הנשמות כולם היו כלולים באדם הראשון קודם שחטא. וכאשר חטא, נשרו איבריו ממנו, שהם אותם הנשמות שהיו כלולות בו, ונפלו לעמקי הקליפות וכו', עיי"ש. (וראה גם בהקדמה ל"ט). ובליקוטי הלכות הל' ערלה ד, ו: כִּי אָדָם הָרִאשׁוֹן הָיָה כָּלוּל מִכָּל הַנְּשָׁמוֹת וכו' וְכַמּוּבָא מִזֶּה בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל בַּאֲרִיכוּת בְּסֵפֶר הַגִּלְגּוּלִים, עַיֵּן שָׁם וכו'. וּמֵחֲמַת זֶה קָשֶׁה מְאֹד לִמְצֹא הָרֹאשׁ וְהַהַתְחָלָה לַתְּשׁוּבָה מֵחֲמַת שֶׁאֵין מִי שֶׁיֵּדַע אֶת מְקוֹמוֹ, מֵחֲמַת שֶׁמֵּחֵטְא אָדָם הָרִאשׁוֹן נָשְׁרוּ אֵיבָרָיו וְנָפְלוּ מִמֶּנּוּ כַּמָּה נְשָׁמוֹת וְנִתְבַּלְבֵּל מְקוֹמָם מְאֹד וכו' עַל-כֵּן עִקַּר תִּקּוּן הַתְּשׁוּבָה אִי אֶפְשָׁר לְהַתְחִיל כִּי אִם עַל-יְדֵי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהֵם אוֹחֲזִים בְּכִסֵּא הַכָּבוֹד, דְּהַיְנוּ בְּשָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וכו'.

**יג.** ראה בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ג, ד: וְזֶה בְּחִינַת נֶפֶשׁ דָּוִד שֶׁהוּא בְּחִינַת מָשִׁיחַ, שֶׁנִּתְפְּסָה שָׁם גַּם כֵּן, וְעָלָיו הִתְגַּבְּרוּ בְּיוֹתֵר בְּיוֹתֵר בְּלִי שִׁעוּר, וְעַל־כֵּן כַּמָּה גִּלְגּוּלִין עָבִיד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַד שֶׁהוֹצִיא נַפְשׁוֹ מִשָּׁם בְּדֶרֶךְ גְּנֵבָה וְעָרְמָה, כִּי "עִם עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל" כְּתִיב, כַּמְבֹאָר זֶה הַסּוֹד בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י (שער הגלגולים הקדמה ל"ח), שֶׁמֵּחֲמַת זֶה הֻכְרְחָה נֶפֶשׁ דָּוִד לָצֵאת תְּחִלָּה עַל־יְדֵי בְּנוֹת לוֹט עַל־יְדֵי מַעֲשֶׂה מְשֻׁנֶּה וְדָבָר זָר כָּזֶה, וְכֵן עִנְיַן יְהוּדָה וְתָמָר וְכוּ' וְכוּ', שֶׁכָּל זֶה הָיָה לְהוֹצִיא נַפְשׁוֹ בְּדֶרֶךְ גְּנֵבָה מֵהַסִּטְרָא אַחֲרָא, שֶׁעָשְׁקָה אוֹתָהּ וְלֹא רָצְתָה לְהָנִיחַ לָצֵאת כִּי אִם בְּדֶרֶךְ גְּנֵבָה, כַּמְבֹאָר בַּכְּתָבִים (עיין בְּלִקּוּטֵי תּוֹרָה עַל אִיּוֹב). [..] שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו־הַשָּׁלוֹם, שֶׁהָיָה כָּל יָמָיו בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה כַּנַּ"ל, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב "אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי מָוֶת וּמְצָרֵי שְׁאוֹל מְצָאוּנִי" וְכוּ', "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד וְכוּ', הַצִּילֵנִי מִטִּיט וְאַל אֶטְבָּעָה" וְכוּ', וְכֵן כָּל סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁנִּתְיַסֵּד מֵהַתְּפִלּוֹת שֶׁהִרְבָּה לְהִתְפַּלֵּל

אלע מיני נסיונות פון דער וועלט וואס מענטשן האבן, אלץ איז אריבער אויף דוד המלך. אלע מיני קטנות, אלע מיני תאוות, אלע מיני.. וואס איז נאר נישט אריבער געגאנגען אויף די הייליגע נשמה... און דוד המלך האט זיך נישט געקענט האלטן, אָן אויפהערן צו שרייען צום אויבערשטן – טאג און נאכט, טאג-און-נאכט!

דער רבי זאגט [יד], אז דער "**זרע דוד המלך**" זענען א זרע פון 'לב נשבר'. ס'ליגט אין זיי דער לב נשבר פון דוד המלך. מ'הערט נישט אויף צו זיין צובראכן און שרייען צום אויבערשטן; שרייען, און שרייען, און שרייען, און שרייען...

דוד המלך האט געהאט אזא התחזקות, ער האט געשריגן און געשריגן... ער האט זיך נישט געלאזט; געשריגן-און-געשריגן. ער איז געווען הייזעריג אזוי ווי דער עורב; געשריגן, און געשריגן, און געשריגן צום אויבערשטן [טו] – און פון דעם שרייען צום אויבערשטן האט זיך אויסגעזופט א תמצית פון תהילים.

---

לְהִנָּצֵל מֵהַיֵּצֶר הָרָע וְחֵילוֹתָיו לְבַל יְאַבֵּד נַפְשׁוֹ חַס וְשָׁלוֹם, וּבְדֶרֶךְ זֶה צָרִיךְ כָּל אָדָם לֵילֵךְ, כִּי אֵין שׁוּם עֵצָה וְתַקָּנָה לְהִנָּצֵל מִכָּל זֶה, כִּי אִם עַל־יְדֵי רִבּוּי תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים בְּלִי שִׁעוּר כָּל יְמֵי חַיָּיו כְּמוֹ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו־הַשָּׁלוֹם כַּנַּ"ל, וְכַמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים.

**יד.** ליקוטי מוהר"ן תורה ק' תנינא: וְהָיָה מַזְכִּיר כַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים מְפֻרְסָמִים אֲמִתִּיִּים וְאָמַר, שֶׁכֻּלָּם לֹא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וְגַם תָּפַס אִישׁ אֶחָד פָּשׁוּט מִנֶּכְדֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְאָמַר: גַּם זֶה מְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בְּכָל פַּעַם לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּבְכִיָּה גְּדוֹלָה וְאָמַר שֶׁזֶּרַע הַבַּעַל שֵׁם טוֹב רְגִילִים בָּזֶה בְּיוֹתֵר, **כִּי הֵם מִזֶּרַע דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְכָל עִסְקוֹ שֶׁל דָּוִד הָיָה עִנְיָן זֶה**, שֶׁהָיָה מְשַׁבֵּר לִבּוֹ מְאֹד לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד שֶׁזֶּהוּ עִקַּר סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁיִּסֵּד, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. ובחיי מוהר"ן רל"ו: גַּם כְּבָר שָׁמַעְנוּ שֶׁמֵּחֲמַת שֶׁמִּשְׁפַּחְתּוֹ בָּאָה מִמַּלְכוּת בֵּית דָּוִד כַּיָּדוּעַ לְהָעוֹלָם, **עַל־כֵּן עַל־פִּי הָרֹב הֵם הוֹלְכִים בְּלֵב נִשְׁבָּר וְאֵין רְגִילִים בְּפָנִים שׂוֹחֲקוֹת**. כִּי דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם יָסַד סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁרֻבּוֹ הוּא דִּבְרֵי כִּבּוּשִׁים הַיּוֹצְאִים מִלֵּב נִשְׁבָּר. כִּי כָל דְּבָרָיו הֵם רַק צְעָקוֹת וְתַחֲנוּנִים בְּלֵב נִשְׁבָּר מְאֹד. עַל־כֵּן גַּם זַרְעוֹ עַתָּה יֵשׁ לָהֶם לֵב נִשְׁבָּר עַל־פִּי הָרֹב וכו' אֲבָל אָנוּ מֻזְהָרִים לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד.

**טז.** ראה ליקוטי הלכות הל' אומנין ד, ל"ה.

דער תהילים – דאס איז, יעדער ווארט פון תהילים, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט[טז] אויף זיינע תורות אז יעדע ווארט איז דורך געוואשן מיט טרערן. אזוי איז יעדער ווארט פון תהילים: דורך געוואשן מיט די התבודדות פון דוד המלך. ס'איז נישט קיין סתם ווערטער – ס'איז דורך־געוואשענע ווערטער! יעדער ווארט איז ים'ען, ים'ען-פון-הארץ; ס'ליגט אין יעדער ווארט.

## זינגען אויף די ריכטיגע טענער...

דער תהילים – דאס איז דער וועג פון "**עשרה מיני נגינה**"[יז]. דער תהילים ליגט אין דעם עשרה־מיני־נגינה. דאס הייסט: וואס איז די פנימיות פון עבודת

---

**טז.** ראה שיחות הר"ן קכ"ד.

**יז.** פסחים קיז. זוהר אמור דף קא. וראה בליקו"ה פו"ר ואישות ג, ט"ז: כִּי עִקַּר הַדְּבֵקוּת וְהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל-יְדֵי קוֹלוֹת, **שֶׁהֵם בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה, שֶׁבָּהֶם כְּלוּלִים כָּל הַקּוֹלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם,** שֶׁעַל יָדָם עִקַּר הַהִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם. כִּי כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת וְהַתְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וִדּוּיִים וְרִצּוּיִים וּפִיּוּסִים, וְכָל הַשִּׂיחוֹת שֶׁאָדָם מֵשִׂיחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ', הַכֹּל כָּלוּל בַּעֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה שֶׁהֵם עֲשָׂרָה לְשׁוֹנוֹת שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם סֵפֶר תְּהִלִּים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסָחִים קז) בְּמִזְמוֹר, בְּנִצּוּחַ, בְּנִגּוּן וְכוּ', כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (סִימָן רה) לְעִנְיַן הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים שֶׁגִּלָּה שֶׁהֵם תִּקּוּן לְמִקְרֶה לַיְלָה, עַיֵּן שָׁם.

וְזֶה יָדוּעַ שֶׁסֵּפֶר תְּהִלִּים כָּלוּל מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת שֶׁל תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים וְכוּ' כַּנַּ"ל, כִּי רֹב סֵפֶר תְּהִלִּים מְדַבֵּר מִצְּעָקוֹת וּזְעָקוֹת וְשַׁוְעוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכַמָּה לְשׁוֹנוֹת שֶׁל תַּחֲנוּנִים שֶׁיַּעַזְרוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ, וְלָצֵאת מִמְּצוּלוֹת יָם שֶׁל עֲכִירַת תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה וַהֲבָלָיו וְכוּ', וּבְתוֹךְ אֵלּוּ הַצְּעָקוֹת וְהַתַּחֲנוּנִים שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, בְּתוֹךְ זֶה הוּא מַתְחִיל לְזַמֵּר וּלְשַׁבֵּחַ וּלְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ', **וְכָל אֵלּוּ הַדְּרָכִים וְהַנְּתִיבוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל סֵפֶר תְּהִלִּים כָּל זֶה הוּא בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה**, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲשָׂרָה לְשׁוֹנוֹת שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁבָּהֶם כְּלוּלִים כָּל הַבַּקָּשׁוֹת וְכוּ' וְשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וְכוּ' שֶׁאוֹמְרִים כָּל יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם, שֶׁעִקַּר הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל-יְדֵי-זֶה וכו' שֶׁעִקַּר הִתְקָרְבוּת וּדְבֵקוּת יִשְׂרָאֵל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל-יְדֵי בְּחִינַת קוֹלוֹת

השם? די פנימיות פון עבודת השם, די פנימיות פון התבודדות – איז די נקודת הנגינה, נקודת התפילה. ס'רופט זיך "נגינה". דאס הייסט: אפילו מ'זאגט עס נישט מיט א ניגון, האט עס אין זיך די תכונה פון דעם ניגון, די שורש פון דעם ניגון.

מיר האבן פריער געזונגען, איז מיר נתעורר געווארן די נקודה. מ'האט געזונגען דעם ליד פונעם זלאטשוב'ער מגיד. דער ניגון איז א גרויסער ניגון פון תשובה, א שטארקער יסודות'דיגער ניגון. בדרך כלל פארהאקן זיך גאר אסאך מענטשן מיט דעם ניגון אינמיטן, מ'דארף ארויפגיין העכער, מ'הויבט אן נאכאמאל פון אינמיטן, מ'פארהאקט זיך...

---

הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וּתְפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים וְכוּ', וְנִגּוּנִים וּזְמִירוֹת וְכוּ', שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה וכו'.

כִּי כָּל הַקּוֹלוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה, זֶהוּ בְּחִינַת חוּשׁ הַשֶּׁמַע שֶׁשָּׁם הַרְגָּשַׁת הַנְּגִינָה וְהַקּוֹלוֹת, בְּחִינַת (בְּרָכוֹת טו) הַשְׁמַע לְאָזְנֶיךָ מַה שֶּׁאַתָּה מוֹצִיא מִפִּיךָ, וְעִקַּר יְדִיעַת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הוּא עַל-יְדֵי בְּחִינַת חוּשׁ הַשֶּׁמַע, כִּי שְׁמִיעָה בְּלִבָּא תַּלְיָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ לֵב שֹׁמֵעַ" (כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּמוּבָא בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה סִימָן כב) שֶׁשָּׁם בְּהַלֵּב שֶׁשָּׁם תַּלְיָא שְׁמִיעָה, שָׁם עִקַּר יְדִיעַת תְּשׁוּקַת אֱמוּנָתוֹ יִתְבָּרַךְ בִּבְחִינַת נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ כָּל חַד לְפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ וכו'. וְכָל זֶה הוּא בְּחִינַת שְׁמִיעָה כְּמוֹ מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ קוֹל הַמְדַבֵּר וְהַמַּשְׁמִיעַ, אֲבָל אִי אֶפְשָׁר לִרְאוֹתוֹ וכו' וְעִקַּר הַהַשָּׂגָה שֶׁהִשִּׂיג הָיָה רַק בִּבְחִינַת חוּשׁ הַשְּׁמִיעָה וכו' (עיין פנים באריכות). וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁהֶאֱרַכְנוּ לְעֵיל בְּעִנְיַן מַעֲלַת קְדֻשַּׁת הַנִּגּוּנִים שֶׁיִּשְׂרָאֵל מְזַמְּרִים בִּשְׁבִיל הִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי הַנִּגּוּנִים הֵם בִּבְחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה שֶׁהֵם כְּלָלִיּוּת כָּל הַתְּפִלּוֹת וְשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וְכוּ', כְּלָלִיּוּת הַקּוֹלוֹת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם בְּחִינַת חוּשׁ הַשְּׁמִיעָה שֶׁעִקַּר דְּבֵקוּת יִשְׂרָאֵל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל-יְדֵי-זֶה כַּנַּ"ל, **וְיוֹתֵר מִמַּה שֶּׁכָּתוּב כָּאן מוּבָן לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, לְכָל חַד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ מַעֲלַת נְעִימַת הַנִּגּוּן כַּמָּה גָּדוֹל כֹּחוֹ לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, כִּי לִגְדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ אֵין חֵקֶר, וְאִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר מִגְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ כְּלָל רַק כָּל חַד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ" כַּנַּ"ל. וְכָל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי הַשִּׁעוּר שֶׁבְּלִבּוֹ יָכוֹל לֵידַע בְּעַצְמוֹ שֶׁעִקַּר הַדְּבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל-יְדֵי דִּבּוּרִים וְקוֹלוֹת וְנִגּוּנִים, שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה כַּנַּ"ל. (וראה גם בליקו"ה הל' נשיאת כפיים ה, ו ובשיחות הר"ן רע"ג).

די סיבה פארוואס מ'פארהאקט זיך, איז ווייל מ'ווייסט נישט ווי אזוי מ'זינגט. בכלל, מענטשן וואס פארהאקן זיך אין א ניגון, איז ווייל מ'ווייסט נישט ווי אזוי מ'זינגט[יח].

דער רבי זאגט[יט]: **"אז א מענטש קען ארויסגעבן א קול, א קול-דממה-דקה - און דער קול זאל זיין אזוי הויך, אז ס'זאל גיין מסוף העולם ועד סופו..."**. דאס הייסט: א מענטש קען אמאל מאכן אזעלכע קולות, אזעלכע קולות – מסוף-העולם-ועד-סופו... און ס'הערט זיך נאר א קול דממה דקה.

ווייל דער אמת איז, אז דער קול איז נישט (נאר) וואס מ'געבט ארויס; דער קול איז וואס ס'ליגט אינעווייניג אין מחשבה. א מענטש קען שפירן די 'צעקת הלב', א מענטש קען שפירן די ווייטאג זיינער, די ריחוק פונעם אויבערשטן, די נפילות זיינע, די בלבול, די פארגרעבקייט פון די קליפה וואס ס'ליגט אויף אים [אזא קליפה פון צוויי מעטער דיק, אז ער קען זיך נישט רירן... ער איז פארפאנצערט אונטער א קליפה; ער קען זיך נישט בייגן, ער קען זיך נישט רוקן פון אזעלכע קליפות...] און אז ער שפירט עס – שרייט ער.

אבער ס'איז אזעלכע סארט קולות, וואס מ'קען זיי אפילו נישט ארויסגעבן אין טענער וואס ס'הערט זיך. ס'איז טענער וואס זענען אין מח; אין מח, אין מחשבה און אין הארצן. דארט איז דער עיקר געשריי. אפילו

---

**יח.** וראה בליקוטי הלכות הל' פו"ר ואישות ג, י"ז: כִּי **חָכְמָה זוֹ שֶׁל נְגִינָה, גְּדוֹלָה וִיקָרָה מִכָּל הַחָכְמוֹת שֶׁבָּעוֹלָם**, כְּפִי מַה שֶּׁהֵבַנְתִּי מִפִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. ובשיחות הר"ן רע"ג: כִּי מַעֲלַת הַנִּגּוּן אֵין לְשַׁעֵר, וּכְבָר מְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כַּמָּה תּוֹרוֹת גְּבוֹהוֹת מֵעִנְיַן נִגּוּן.

**יט.** שיחות הר"ן ט"ז: **דַּע, שֶׁיְּכוֹלִין לִצְעֹק בְּקוֹל דְּמָמָה דַקָּה בִּצְעָקָה גְּדוֹלָה מְאֹד וְלֹא יִשְׁמַע שׁוּם אָדָם כְּלָל**, כִּי אֵינוֹ מוֹצִיא שׁוּם קוֹל כְּלָל רַק הַצְּעָקָה הִיא בְּקוֹל דְּמָמָה דַּקָּה וְזֶה יוּכַל כָּל אָדָם. דְּהַיְנוּ שֶׁיְּצַיֵּר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ הַצְּעָקָה וְיִכְנֹס קוֹל הַצְּעָקָה בְּמַחֲשָׁבָה וִיצַיֵּר בְּדַעְתּוֹ קוֹל הַצְּעָקָה מַמָּשׁ עִם הַנִּגּוּן כְּדֶרֶךְ שֶׁצּוֹעֲקִין. וְיִכְנֹס בָּזֶה עַד שֶׁיִּצְעַק מַמָּשׁ בִּבְחִינַת קוֹל דְּמָמָה דַּקָּה וְשׁוּם אָדָם לֹא יִשְׁמַע כְּלָל וכו'. וּבְלֹא דִּבּוּר (הַיְנוּ כְּשֶׁאֵין מוֹצִיאִים שׁוּם דִּבּוּר בִּשְׁעַת הַצְּעָקָה הַנִּזְכָּר לְעֵיל) קַל יוֹתֵר לִצְעֹק כַּנַּ"ל, כִּי כְּשֶׁצָּרִיךְ לְהוֹצִיא הַדִּבּוּר קָשֶׁה יוֹתֵר לִתְפֹּס אֶת הַקּוֹל אֶל הַמַּחֲשָׁבָה וְלִבְלִי לַהֲנִיחוֹ לָצֵאת דֶּרֶךְ הַקָּנֶה הַמּוֹצִיא קוֹל, אֲבָל בְּלֹא דִּבּוּר קַל יוֹתֵר. (עיי"ש ההסבר וראה בחיי מוהר"ן רמ"א).

ווען א מענטש זינגט, איז דער עיקר אז דאס הארץ דארף אריינגיין אין די פנימיות.

ממילא, בשעת א מענטש זינגט, אפילו ער גייט ארויף הויך, דארף ער נישט ארויפגיין אזוי שטארק מיטן קול; די קול קען בלייבן אביסל איינגעהאלטן. דער עיקר וואס מ'דארף ארויפגיין, דארף ארויפגיין מיט די פנימיות.

אבער וויבאלד דער מענטש איז נישט רגיל אין התבודדות, נישט רגיל אין פנימיות – ווייסט ער בכלל נישט וואס דאס הייסט. ממילא, אויב ער הויבט אן ארויפצוגיין, איז אנשטאט דער פנימיות זאל ארויפגיין, די טאן זאל ארויפגיין – גייט ארויף דער קול.

דער טאן דארף ארויפגיין, נישט דער קול דארף ארויפגיין. דער קול קען בלייבן נידריגער; מ'דארף זיך נישט אזויפיל רייסן. גיי אביסל איידעלער, גיי ארויף אביסעלע – וועסטו קענען ציען העכער, וועט ער קענען ציען נאך העכער. אין דעם ווענדעט זיך די גאנצע זאך.

אז דער מענטש ווייסט נישט וואס הייסט ארויפגיין: ווען מ'דארף ארויפגיין, מיינט ער – אזוי ווי אינמיטן זינגען גייט איינער ארויף אויף א בענקל, ער שטעלט זיך אויף... אזוי גייט א מענטש ארויף מיטן קול – קענסט בלייבן זיצן, דארפסט נישט ארויפגיין... די טאן דארף ארויפגיין, דער פנימיות דארף ארויפגיין.

ער ווייסט בכלל נישט וואס הייסט א טאן, רוב מענטשן ווייסן נישט בכלל וואס הייסט א טאן... דער עיקר טאן איז אין פנימיות; דער עיקר טאן איז דער ווייטאג. ס'איז דא אזעלכע טענער, וואס כמעט מ'איז נישט מרגיש אפילו אויפן קול... דאס איז דער עיקר.

## התבודדות איז א לעבן'ס-ניגון

פארוואס זאג איך עס? ווייל די זעלבע זאך איז אויך אין התבודדות: דער וועג פון התבודדות איז דער וועג פון נגינה. למעשה, א מענטש זיצט פארן אויבערשטן – דאס איז א וועג פון נגינה; ער געבט זיך ארויס.

דאס אליין וואס ער איז פארקלאפט, דאס איז שוין א חלק פון די נגינה, דאס איז א חלק פון די נגינה. ער וואַרט – דאס איז שוין א חלק פון די נגינה. ער וויל רעדן – דאס איז שוין א חלק פון די נגינה. דאס איז שוין א חלק פון די זאך[כ].

אבער וויבאלד ער האט נישט קיין געדולד, ער וויל זיך אריינרייסן – ס'גייט נישט. ער געבט א פארקלאפ די טיר, ער גייט ארויס אינגאנצן. ער האט נישט קיין כח צו ממשיך זיין. **נע, נע: זיץ, ווארט, פראביר. דראפע זיך, רייס זיך. א קרעכץ, נאך. א משהו, א דיבור, א האלבן דיבור, א משהו...**

אזוי דראפעט מען זיך, אזוי דראפעט מען זיך. דאס איז א דרך פון עשרה־מיני־נגינה – מ'גייט נאך א טרעפל, נאך א טרעפל. אביסל ארויף, אביסל אראפ, צוריק נאכאמאל, מ'פראבירט זיך... דאס איז דער חן, דאס איז דער חן וואס ציט דעם אויבערשטן צו זיך. אויף דעם וואַרט דער אויבערשטער.

דער אויבערשטער האט דאך באשאפן דעם מענטש זאל רופן צו אים פון א מרחק, זאל שרייען צום אים פון דערווייטנס; רופן, רופן דעם אויבערשטן.

**כ.** ראה ליקוטי הלכות הל' תפילת המנחה ז, ד: ..שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹקִים וְכוּ' בְּחִינַת לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל חָי, וְכֵן בִּפְסוּקִים הַרְבֵּה שֶׁזֶּה בְּחִינַת כָּל סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁהוּא נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, כִּי זֶה בְּחִינַת יוּד מִינֵי נְגִינָה שֶׁכֻּלָּם הֵם בְּחִינַת הִשְׁתּוֹקְקוּת וְרָצוֹן וְכִסּוּפִין חֲזָקִים וְנוֹרָאִים עַד אֵין סוֹף וְכוּ'. שֶׁזֶּה בְּחִינַת כָּל הַנִּגּוּנִים דִּקְדֻשָּׁה שֶׁבָּעוֹלָם וְאַף-עַל-פִּי-כֵן יִתְקַיֵּם כִּי כָּל הַנִּגּוּנִים הֵם בְּחִינַת עוֹלֶה וְיוֹרֵד וְכוּ' בְּחִינַת מִי עָלָה שָׁמַיִם וַיֵּרַד שֶׁזֶּה כָּל אֻמָּנוּת וְחָכְמוֹת הַנְּגִינָה וְכוּ'.

מילא דאס איז די גרעסטע שעשועים פארן אויבערשטן, און דער גרעסטער תענוג פארן מענטש – בשעת ווען ער איז זיך מרגיל מיט דעם הייליגן וועג.

## "נעים זמירות ישראל"

דער הייליגער וועג פון רופן; רופן צום אויבערשטן, רעדן צו אים, זיך דראפען... מ'אנטלויפט נישט פון דעם וועג. מ'אנטלויפט נישט. פארקערט, מ'איז זיך משעבד צום וועג.

ס'שטייט, דער רבי ברענגט אין תורה ע"ג, וואס רעדט פון תהילים, פון ספירה. זאגט דארט דער רבי[כא]: ס'שטייט א פסוק "**נְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל, וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל**". זאגן חז"ל: 'נאום הגבר הוקם עול' – "**שהקים עֻלָּהּ של תשובה**"; דוד המלך איז דער וואס האט מקים געווען דעם עול פון תשובה, און 'נעים זמירות ישראל'. זאגט דער רבי: דורך דעם וואס ער האט אריין געגומען דעם "נעים זמירות ישראל", דורך די נעימות פון זמירות ישראל – דורך דעם איז "הוקם עולה של תשובה".

---

**כא.** וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת (שְׁמוּאֵל ב כ"ג): נְאֻם הַגֶּבֶר הוּקַם עָל וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מוֹעֵד קָטָן טז:): שֶׁהֵקִים עֻלָּהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל. **כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דְּהַיְנוּ סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁיִּסַּד, עַל יְדֵי זֶה הוּקַם עֻלָּהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה;** כִּי עַל יְדֵי תְּהִלִּים זוֹכִין לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל. וראה בליקו"ה אונאה ג, ב: כִּי דָּוִד הוּא בְּחִינַת כְּלָלִיּוּת הַתְּפִלָּה שֶׁבְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים מִתְפַּלְּלִים לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכּוּ לָשׁוּב אֵלָיו בֶּאֱמֶת, כִּי הוּא **נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל**, וְכָל הַתְּפִלּוֹת נִקְרָאִין עַל שְׁמוֹ, כִּי כָּל סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁחִבֵּר דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם נִתְיַסֵּד עַל עִנְיָן זֶה שֶׁנִּזְכֶּה לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ מִכָּל הַנְּפִילוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, כִּי אֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה וְאֵין עֵצָה לַעֲמֹד נֶגֶד הַבַּעַל דָּבָר כִּי אִם עַל יְדֵי תְּפִלָּה שֶׁעַל יְדֵי זֶה זוֹכִין לְכָל הָעֵצוֹת וּלְכָל אֶפָנֵי הַיְשׁוּעוֹת, לִזְכּוֹת לָצֵאת מִגָּלוּת נַפְשׁוֹ וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וכו'. כִּי עַד דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם לֹא הָיָה הַתְּפִלָּה בִּשְׁלֵמוּת, כִּי כָּל הַתְּפִלּוֹת נִקְרָאִין עַל שְׁמוֹ כַּנַּ"ל, כִּי הוּא חִבֵּר חֲמִשָּׁה סְפָרִים תְּהִלִּים שֶׁהֵם כְּלוּלִין מִכָּל תְּפִלּוֹת יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם כְּנֶגֶד חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה, כִּי כָּל תְּפִלּוֹתָיו שֶׁל דָּוִד, שֶׁהוּא סֵפֶר תְּהִלִּים, הַכֹּל הָיָה בִּשְׁבִיל שֶׁיִּזְכֶּה לְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת שֶׁהִיא כְּלוּלָה מֵחֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה וְעַל כֵּן חִבֵּר כְּנֶגֶד זֶה חֲמִשָּׁה סְפָרִים תְּהִלִּים.

ווי אזוי נעמט אויף זיך א מענטש א עול פון תשובה? דורך 'דרך הנגינה', דורך דער דרך פון תהילים, דער דרך פון התבודדות – דאס איז דער עול פון תשובה[כב].

א מענטש זאגט: "איך האב נישט קיין כח צו דעם גאנצן עסק, [פון] נעמען אויף זיך א עול פון תשובה טאן, פראבירן – מ'פאלט אראפ, מ'הויבט זיך אויף נאך אמאל. מ'דארף וואַרטן, און ס'גייט נישט און ס'איז דא א כבידות... – יאלא, איך האב נישט קיין כח..." [מ'וועט גיין צו די וואס מ'האט היינט געזען – גיין צו די "תפוציפס" און די אלע זאכן דארט – וועט מען מאכן א חיים טובים. מ'וועט אונז מסביר זיין נייע מצוות, מיט נייע ענינים וואס מען מוז און וואס מ'דארף... מ'וועט מאכן א גרינגער לעבן...] דאס אלץ איז "פריקת עול".

פון וואו קומט דער פריקת עול? ווייל מ'קען נישט פארנעמען דעם עול, דעם עול פון תשובה. ס'איז א עול; און מ'דארף [נאך] מיטמאכן "תשובת המשקל" נאכאמאל - אזוי זאגט דער רבי[כג] - מ'ברענגט דיר אריין אין די נסיונות נאכאמאל...

דארף מען שרייען פון די טיפעניש, ממעמקים: "געוואלד! ברענענדיגע תאוות, ברענענדיגע מידות רעות... געוואלד, ס'ברענט א פייער כחום היום;

---

**כב.** ראה בליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה, ז: וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁכָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא בְּסִימָן עג שֶׁעִקַּר הַתְּשׁוּבָה עַל-יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי כָּל סֵפֶר תְּהִלִּים הֵם תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁבִּקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו וּלְקַיֵּם תּוֹרָתוֹ וּמִצְוֹתָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ד' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ד' כָּל יְמֵי חַיַּי וְכוּ'", וּכְתִיב, "הוֹרֵנִי ד' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ וְכוּ'", וְכֵן הַרְבֵּה. וְכָל מַה שֶּׁמְּבַקֵּשׁ לְהִנָּצֵל מֵאוֹיְבָיו וְשׂוֹנְאָיו כָּל כַּוָּנָתוֹ לְהִנָּצֵל מִשּׂוֹנְאֵי הַנֶּפֶשׁ, שֶׁהֵם הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְחֵילוֹתָיו וְגַם כָּל הַשּׂוֹנְאִים בְּגַשְׁמִיּוּת שֶׁבִּקֵּשׁ לְהִנָּצֵל מֵהֶם, הַכֹּל הָיָה בִּשְׁבִיל שֶׁיִּזְכֶּה לְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת וכו'. וְעַל-כֵּן עִקַּר הִתְעוֹרְרוּת הַתְּשׁוּבָה הוּא עַל-יְדֵי תְּהִלִּים כַּנַּ"ל, כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה זוֹכִין עַל -יְדֵי שֶׁעוֹשִׂין מִתּוֹרוֹת תְּפִלּוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תְּהִלִּים כַּנַּ"ל.

**כג.** ליקו"מ תורה כ"ז, בסופו.

ס'ברענט, ס'סארפעט, מ'קען נישט אויסהאלטן, מ'קען נישט אויסהאלטן... וואס וועט זיין מיט מיר?".

**שריי! שריי זיך אויס צום אויבערשטן, לערן זיך אויס ווי פון אלע זאכן ווערט צעקות מיט בכיות, מיט בענקשאפט... ווי אזוי ס'ווערט פון די אלע זאכן נגונים נפלאים... גיי אריין אין די נעימות פון דעם "נעים זמירות ישראל" – דאס איז מקים 'עול התשובה'!**

## דער ניגון גייט ארויף און אראפ...

ס'גייט טאקע אהין און צוריק – מ'דארף אבער נעמען אויף זיך א עול. א מענטש וויל נישט נעמען דעם עול פון דעם ניגון; ער וויל נאר זינגען ווען ס'וועט זיך אים זינגען. ניין, מ'דארף אריינגיין אין דעם עול. מ'גייט אריין אין דעם עול. פון דארט, פון דארטן ווערט דעם ניגון.

מ'נעמט דעם עול; מ'נעמט דעם עול; מ'ווייסט נישט ווי מ'וועט קענען שטיין אין דעם... און פון דעם ווערט דער ניגון.

*"געוואלד, רבש"ע! איך האב גענומען א עול אויף זיך, אבער איך ווייס נישט ווי אזוי מ'שטייט אין דעם עול. איך האב זיך אונטערגענומען צו ווערן א ערליכער איד; איך האב זיך אונטערגענומען צו ווערן א ברסלב'ער - אבער איך בין ווייט פון ברסלב. איך האב מחליט געווען אז ברסלב איז מיין לעבן, אבער וואס האב איך מיט ברסלב בכלל? איך האב מחליט געווען צו זיין א ברסלב'ער חסיד, אבער איך ווייס נישט וואו איז דער פנים פון א ברסלב'ער בכלל...*

*איך האב מחליט געווען צו זיין א ערליכער איד, אבער איך בין פארקערט פון א ערליכער איד. איך בין א 'מגושם שבמגושם', א 'מורד שבמורד' בין איך... איך בין אינגאנצן פארקערט. מיין הארץ איז אינגאנצן פארשטיינערט, מיין הארץ איז אינגאנצן אוועק פון דעם*

*איבערשטן; איך וויל חס ושלום איגנאנצן נישט דאס, רח"ל - אבער איך וויל יא דאס!!!*

*געוואלד! געוואלד! ס'איז דאך 'תרתי דסתרי' ביי מיר. ס'טאג און נאכט ביי מיר צוזאמען - וואס טוט זיך דא מיט מיר? געוואלד געשריגן: וואו בין איך אויף דער וועלט?! - - -"*

ער שרייט, ער לאזט זיך נישט. פון דעם קומט ארויס די אלע דיבורים. דארטן, **פון די ביטערקייט, פון די זיסקייט - פון דעם קומט ארויס די אלע דיבורים; פון דעם ווערט עס**[כד].

אבער אז א מענטש נעמט נישט אויף זיך דעם עול בכלל – איז ער גארנישט מחויב. שוין, וואס דארף ער זיין א "מצווה עושה", ער קען זיין פון "חסידי אומות העולם"... וואס דארף ער זיין פון די "פושעי ישראל", ער קען זיין פון די 'חסידי אומות העולם'!?

איינער איז געווען 'מחסידי אומות העולם', און ער האט מחליט געווען אז ער וויל זיך מגייר זיין – ער האט זיך מגייר געווען, איז ער געווארן פון די 'פושעי ישראל'... [וואס איז בעסער צו זיין: 'חסידי אומות העולם' צו 'פושעי ישראל'? וואס זאגט איר!?].

---

**כד.** ראה באוצר היראה ערך נגינה נ"ד. [וראה בסיפורי מעשיות מעשה "מבן המלך ובן השפחה", מענין הניגון שנעשה מקול נהמת החיות וכו'. ובליקוטי מוהר"ן תורה נ"ד ותורה רפ"ב מענין הניגון ובירור הטוב מהרע וכו'. ובסיפו"מ מעשה י"ג היום השישי וכל השיחות וההלכות הנלווים עליה, ובכוכבי אור חכמה ובינה ל', כי עמוק הוא.

וראה ברוחא דחיי קונטרס ג' (עמ' מ"ז): ס'איז דא א ניגון רבותי! ס'איז דא א ניגון, וואס דער ניגון - דער ניגון... רבותי! ס'דא א ניגון, רבותי, וועקט זיך אויף פון שלאף, ס'דא א ניגון... דער בן המלך - דער 'אמת'ער בן המלך', איז געווען אין וואלד צווישן די חיות; מיט די אלע שלענג, מיט אלע עקדישן, מיט אלע פחדים - האט ער אינמיטן זיך אנגעהויבן 'משים לב' זיין, האט ער געזען אז ס'איז א ניגון. דער 'מענטש פון וואלד' האט אים געזאגט: "זאלסט וויסן אז ס'איז א ניגון!" - ער האט אנגעהויבן צו לייגן די אויערן האט ער געהערט ס'איז א ניגון; די אלע איבער גייענישן וואס ס'גייען אלץ איבער, איז אלץ איין גרויסע ניגון... מ'דארף זיך אויסלערנען, ס'דא עפעס א ניגון - אלע איבערגייענישן וואס ס'טוט זיך אויף דער וועלט איז איין גרויסע ניגון!].

"איך האב נישט קיין כח... לאמיר זיין פון די חסידי אומות העולם; מ'וועט מיר מכבד זיין; א חסידיש'ער גוי..." [ס'איז דא א חסידיש'ער איד, און ס'איז דא א חסידיש'ער גוי אויך; 'חסידי אומות העולם'...]. אבער ער איז פון די "פושעי ישראל": "**בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת**[כה]"; נאר מ'זידלט, נאר מ'שרייט... – "איך האב נישט כח צו נעמען דעם עול!".

אזוי, דער מענטש אויך: "איך האב נישט קיין כח... מ'דארף זיין א ברסלב'ער? איך בין נישט קיין ברסלב'ער! איך בין נישט קיין ברסלב'ער, א גוטן טאג. מ'דארף זיין א ברסלב'ער און 'נישט' קיין ברסלב'ער?! איך האב נישט קיין כח...".

קומט א איד און שרייט, און פון דעם [אליין] מאכט ער דיבורים: *"רבש"ע, וואס טוט זיך דא מיט מיר? געוואלד געשריגן... איך בין ארויף א כתה בין איך געווארן דער ערגסטער פון די כתה, אין די קליינע כתה בין איך געווען דער בעסטער, איך האב זיך געוואלט געבן א רוק - בין איך געווארן דער ערגסטער, רח"ל. וואס טוט זיך דא מיט מיר? געוואלד..."*.

שרייט ער, שרייט ער, שרייט ער - - -

אזוי גייט עס. יעדע דרגה הויבט מען אן פון דער נידריגסטער טרעפל פון די דרגה. מ'גייט אריין – ס'איז ביטער, ס'איז פינסטער, ס'איז שטיינער, מ'קייט שטיינער. אזוי ווי מ'געבט א מענטש צו קייען שטיינער ממש, צוברעכן זיך אים די ציין – אזוי געבט מען אים צו קייען עבודת ה'. מ'געבט אים צו קייען, ער ווערט אינגאנצן 'צוקייט'; די שטיינער קייען אים, ער ווערט צוקייט – "וואס וועט זיין דא?!"

רעדט ער, דראפעט ער זיך... פון דעם – פון דעם ווערט עס. פון דעם ווערט די גאנצע זאך.

---

**כה.** ראה ליקוטי הלכות הל' שלוח הקן ה, י"ז.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאל זיך אלע שטארקן, אמן.

# פניני דחיי

## עצת העצות

• דער יסוד פון אידישקייט און ברסלב איז התבודדות. אָן התבודדות קען מען נישט ווערן אן אמת'ער ערליכער איד.

• אלע עצות, דיבורים און השגות פונעם רבי'ן – דער כלי צו עס מקבל זיין איז התבודדות. די גרעסטע זאכן גייען אריין אין כלים, דורך פשוט'ע תפילה.

• אלע לימודים דארפן ברענגען צו רופן דעם אויבערשטן. ברסלב איז נישט בלויז הערן שמועסן, נאר רעדן צום אויבערשטן.

• רבי נתן: אפילו די גרעסטע שמועסן העלפן נישט אָן התבודדות. דער עיקר איז: אלעס אריינעמען אין פשוט'ע דיבורים צום אויבערשטן.

• זיך אויסלערנען רעדן פשוט: "רבוש"ע העלף מיר". א משל פון לעקטער: אויב מ'האט קשר מיטן ריכטיגן מענטש – איז אלעס מסודר. אזוי אויך אין עבודת השם: אויב מ'קען רופן "רבוש"ע העלף מיר", איז דא מיט וועמען צו רעדן.

## לבוא אל המלך

• א משל פון איינער וואס קומט צום חשוב'ן שר אפילו ער ווייסט נישט וואס צו זאגן. דער עצם זיין פארן אויבערשטן איז שוין א זאך.

• דער עצם זיך אפטיילן פון מענטשן צו גיין צום אויבערשטן – האט א גרויסע חשיבות. דער אויבערשטער איז שוין מיטן מענטש ווען ער וויל רעדן צו אים.

• אפילו צוקלאפטע ווערטער זענען חשוב.

• דער פראבלעם איז ווען א מענטש אנטלויפט אינגאנצן פון התבודדות. מענטשן געבן אויף, ווייל ס'פאלט שווער ווען מ'האט נישט קיין דיבורים.

• מ'דארף נעמען אויף זיך דעם עול פון תמימות. נישט זיין א שלימזל – נאר זיך אריינשטופן אין דעם וועג.

• אלעס אוועקלייגן אין זייט פאר די "פגישה" מיטן אויבערשטן.

• ווען א מענטש קומט צום אויבערשטן – קומט דער אויבערשטער אויך צו אים.

• דער אויבערשטער איז "פונה מכל עסקיו" צום מענטש וואס זוכט אים.

## עקשנות ותמימות

• ווען א מענטש נעמט התבודדות ערנסט – נעמט אים דער אויבערשטער אויך ערנסט.

• אפילו אויב דער מענטש קען נישט רעדן – העלפט מען אים פון אויבן.

• דער אויבערשטער גייט אראפ צום מענטש וואס פרובירט.

• א משל פון איינער וואס האט מורא פון חתונה האבן און בלייבט א פארזעצטער בחור. אזוי אויך אין עבודת השם – מ'דארף אריינגיין אין דעם עול. איינער וואס וויל נישט אנהויבן בכלל – בלייבט שטיין.

• עבודת השם הייבט זיך אן מיט זיך שטופן צו רעדן צום אויבערשטן.

## דוד מלך ישראל

• דער וועג פון התבודדות איז דער וועג פון דוד המלך. דוד המלך האט א גאנץ לעבן געשריגן צום אויבערשטן. דוד המלך איז געווען דער "גאון" פון התבודדות.

• דוד המלך ווערט אנגערופן "עורב" – ווייל ער האט געשריגן צום אויבערשטן ווי א עורב. ער איז געגאנגען אין מדבריות און געשריגן צום אויבערשטן טאג און נאכט.

• רבי נתן האט געזאגט אז ער איז שוין הייזעריג פון שרייען צום אויבערשטן. האט אים דער רבי געזאגט: דוד המלך איז געווען הייזעריג כפשוטו...

• דער אריז"ל: דוד המלך'ס נשמה איז געווען זייער אראפגעפאלן אין קליפות. אלע נסיונות און נפילות זענען אריבער אויף דוד המלך – און טראץ דעם האט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען צום אויבערשטן.

• תהילים איז דער תמצית פון דוד המלך'ס התבודדות. ס'איז ארויס געקומען פון דוד המלך'ס געשריי. יעדער ווארט תהילים איז דורך געוואשן מיט טרערן און התבודדות.

## נגינה והתבודדות

• תהילים איז דער דרך פון "עשרה מיני נגינה".

• פנימיות פון עבודת השם און תפילה איז נגינה.

• אמת'ע נגינה קומט פון פנימיות הלב.

• מענטשן פארהאקן זיך ווייל זיי ווייסן נישט וואס הייסט א טאן. דער עיקר טאן איז אינעווייניג – נישט די חיצוניות פון קול.

• א קול קען זיין שטיל אבער זייער טיף. די אמת'ע צעקה איז אין הארץ און מחשבה. מ'דארף ארויפגיין אין פנימיות, נישט נאר אין הויכקייט פונעם קול.

• התבודדות איז אויך א וועג פון נגינה. אפילו פארקלאפטקייט און שטילקייט זענען א חלק פון די נגינה. ווען א מענטש ווערט צוגעוואוינט צום וועג – ווערט דאס זיין גרעסטער תענוג.

• מ'דארף האבן געדולד און נישט אנטלויפן. אביסל דיבורים, א קרעכץ, א משהו – דאס בויעט דעם וועג. אזוי גייט מען טרעפל ביי טרעפל.

• דאס איז דער חן וואס ציט דעם אויבערשטן. דער אויבערשטער האט הנאה ווען א מענטש רופט אים פון דערווייטנס.

## נעים זמירות ישראל

• דוד המלך האט אויפגעשטעלט דעם "עול התשובה" - דורך נגינה, תהילים און התבודדות. "נעים זמירות ישראל" – פון דעם ווערט אויפגעשטעלט תשובה.

• מענטשן ווילן אראפווארפן דעם עול ווייל ס'איז שווער. אבער תשובה מיינט דורכגיין שוועריקייטן און נסיונות. מ'דארף שרייען צום אויבערשטן פון טיפעניש. נאר פון תאוות, נסיונות און ווייטאג קען ווערן תפילות און נגונים.

• דער ניגון גייט ארויף און אראפ – און אזוי אויך עבודת השם. מ'דארף נעמען אויף זיך דעם עול אפילו ווען ס'איז שווער. פון דעם קאמף און צובראכנקייט ווערן דיבורים צום אויבערשטן.

• יעדער דרגה הייבט זיך אן פון די נידריגסטע טרעפל.

• א מענטש קען זיך שפירן פול מיט סתירות – און פונדעסטוועגן שרייען צום אויבערשטן.

• עבודת השם קען זיך שפירן ווי 'קייען שטיינער'... אבער דורך רעדן און זיך דראפען צום אויבערשטן – ווערט סוף כל סוף עפעס גרויס.

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים
# מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל




חסיד ברסלב!

# קח שותפות קבועה

## בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון מספר קרן 6491 או בקו רוחא דחיי 023024743 שלוחה 1>9